# דֶער יוֹרֵד

אֵיינֶע וואוּנְדֶערלִיכֶע גֶשִׁיכְטֶע וָואס עֶס הָאט גֶטְרָאפֶן מִיט אֵיינֶם ר׳ צָדוק פון נִיקֶעלְסְבּוּרְג. עֶס אִיז זִיךְ פוּן דֶער מַעֲשֶׂה אַרָאפ צוּ נֶעמֶן אַמוּסַר הַשֵּׂכֶל אַז דֶר מֶענְשׁ זָאל נִיט טָאן קֵיין פַאלְשׁ. אוּנ אִין דֶר גְרֶעסְטֶע נויט. זָאל מֶען זִיךְ הִיטֶן פוּן בֶּעטֶל בְּרויט. אוּנ אוֹיף אֵייבִּיג אִיז יֶענֶר פַר פְלוּכְט. דֶר וָואס הָט נָאר אֵיין מָאל פַר זוּכְט. וִיקוּיַם בָּנוּ אַל תְּבִיאֵנוּ לֹא לִידֵי מַתְּנַת בָּשָׂר וָדָם:

נעתק ונאסף ע״י י׳ שפירא

## וואַרשא

Деръ Іордъ
н. е. Оскудѣвшій
ВАРШАВА
въ Типографіи И. Лебенсона
1855.

אייזיק-מאיר דיק
קורס מ״ו
פרופ׳ רושקיס
החוג לספרות עברית

אייזיק מאיר דיק

## היורד מנכסיו

סיפור מופלא אודות מה שקרה עם פלוני ר׳ צדוק מניקלסבורג. ממעשה זה מן הראוי להפיק מוסר־השכל, שאל לו לבן־אדם לנהוג במירמה. אפילו במצוקה גדולה ביותר עליו להישמר מלחם־נדבות. לעולמי עולמים יהא מקולל האיש שינסה דרך נלוזה זו, ולו רק פעם אחת. ויקויים בנו: אל תביאנו לא לידי מתנת בשר ודם.

נעתק ונאסף ע״י י. שפירא*
ורשה
בבית־הדפוס של י. לבנזון, 1855.

1 **ויהי בניקלסבורג העיר.**** לפנים גר שם סוחר בדים ושמו ר׳ צדוק פִיקאנְטֶה. והיה האיש בעל־פרנסה אמיד, אף נחשב כקצין ומכובד בעירו.

2 **ויעש לו שם.** הוא נתפרסם בעירו בנדבות שנידב ובמעשי צדקה שעשה. שום עלייה בבית־הכנסת לא היתה יקרה מדי בעיניו. יתר על כן, הוא נודע כמהדר במצוות גדול. פעם הוא אפילו שילם מאה טאלר תמורת אתרוג אחד. לילדיו הוא שכר את מיטב המלמדים. הוא גם קיים לומדים עניים, שישבו סמוכים על שולחנו. וכמוהו גם נהגה רעייתו. אף היא היתה בן־אדם יקר ואשת־חיל גדולה. היא גם היתה יפת־תואר. ולא עוד אלא שהיתה האישה חכמה מֵאִישָׁהּ, ואף היטיבה ממנו להבין בעסק.

3 **אך לא לעולם חוסן.** האושר לא תמיד נשאר נאמן לאדם. הכול מוכרח כנראה להשתנות בעולם. וכך גם אירע לר׳ צדוק פיקאנטה. והנה קרה פעם בליל־הסדר הראשון כאשר בעיר פרצה שריפה. בתים רבים נשרפו, וביניהם – גם

* י. שפירא׳ הוא אחד מן הפסבדונימים הרבים של אייזיק מאיר דיק.

** כל פיסקה בספר קטן זה פותחת במשפט בעברית, כנהוג בכמה ז׳אנרים בספרות יידיש עד לתקופה זו. כל המשפטים האלה מועתקים ומודגשים כלשונם.

אייזיק־מאיר דיק

## דער יורד *

אַ װוּנדערלעכע געשיכטע, װאָס עס האָט געטראָפֿן מיט אײנעם ר׳ צדוק פֿון ניקעלסבורג. עס איז זיך פֿון דער מעשׂה אַראָפּצונעמען אַ מוסר־השׂכל, אַז דער מענטש זאָל ניט טאָן קײן פֿאַלשס און אין דער גרעסטער נויט זאָל מען זיך היטן פֿון בעטלברויט. און אויף אײביק איז יענער פֿאַרפֿלוכט, דער װאָס האָט נאָר אײן מאָל פֿאַרזוכט. ויקוים בנו: אַל תּבֿיאנו לא לידי מתּנת בשׂר ודם.

נעתּק ונאסף ע״י י. שפּירא**
[װאַרשע
אין י. לעבענזאָהנס טיפּאָגראַפֿיע, 1855].

1 **וַיְהִי**, און עס װאַר אין דער שטאָט ניקעלסבורג, האָט געװױנט אַ מאָל אַ געװאַנט־קרעמער. ער האָט געהײסן ר׳ צדוק פּיקאַנטע. ער איז געװען אַ גרױסער בעל־פּרנסה און ער װאַר אין דער שטאָט גערעכנט פֿאַר אַ גרױסן קצין.

2 **וַיַּעַשׂ לו שם.** אויך האָט ער זיך געמאַכט אַ גרױסן נאָמען אין דער שטאָט מיט זײַנע נדבֿות און צדקות. עס איז אים אין דער שול קײן מאָל אײן עליה פֿאַר אים צו טײַער געװען. ער איז נאָך דערצו געװען אַ גרױסער מהדר במצוות. ער האָט אַ מאָל באַצאָלט פֿאַר אַן אתרוג הונדערט טאָלער. פֿאַר זײַנע קינדער האָט ער אַלע מאָל געדונגען די בעסטע מלמדים, און האָט אויך מחזיק געװען אויף זײַן טיש אָרעמע לומדים. און װי ער איז געװען, אַזוי איז אויך געװען זײַן װײַב, זײער אַ טײַערעס מענטש און אַ גרױסע אשת־חיל און דערצו אויך זײער שײן. זי איז געװען אויך פֿיל קליגער פֿאַר אים און האָט פֿאַרשטאַנען דעם געשעפֿט פֿיל בעסער אַלס ער.

3 **אך לא לעולם חוסן.** אָבער דער גליק בלײַבט ניט אויף אײביק טרײַ דעם מענטשן. אין דער װעלט מוז זיך אַלץ אומדרײען. אַזוי איז דאָ אויך געװען מיט דעם ר׳ צדוק פּיקאַנטע. דען אײן מאָל צום ערשטן סדר איז געװאָרן זײער אַ גרױסע שׂרפֿה. און עס זענען פֿאַרברענט געװאָרן זײער פֿיל הײַזער. און אויך די

* דאָס קלײנע מעשׂה־ביכל (ס״ה 24 זײַטלעך) װערט דאָ איבערגעדרוקט געטרײַ, אָבער אין דעם מאָדערנעם אויסלײג. איבעריקע װערטער װערן באַצײכנט צװישן קײַלעכדיקע קלאַמערן. הוספֿות װערן געגעבן אין גראָדעקיקע קלאַמערן.

** י. שפּירא איז אײנער פֿון אײַזיק־מאיר דיקס היפּש ביסל פּסעװדאָנימען.

(1)

בית־המסחר של ר׳ צדוק על סחורתו. וכן נשרף ביתו עם כל משק הבית, וכלו באש כלי הכסף ומירב התכשיטים וכן ניירות בעלות. אין כלל לתאר ולשער את גודל הנזק שפקד אותו.

4 **ויהי להם ימי החג לאבל.** יום טוב הפך ליום יגון ודמעות. שניהם, הוא ואשתו, לא ידעו אנה לפנות. ידידים טובים אמנם עזרו להם כה וכה, אך לא היה לאל ידם לחזור ולהקים את העסק שלהם עתה כאז.

5 **לא ארכו הימים.** ומקץ זמן לא רב נאלצו המסכנים לפנות את המקום, כדי להקים לעצמם חנות קטנה לממכר סדקית. ויחיו חיי צער, בדוחק ובעוני רב. פני־העיר וחשוביה נכמרו רחמיהם על ר׳ צדוק. אף־על־פי־כן הם לא ידעו כיצד אפשר לעזור לו. הם ביקשו לעשותו ׳נאמן׳, כלומר ממונה על קופת העיר. אלא שנשיא העיר התנגד, מפני שר׳ צדוק היה עמוס חובות רבים. על־פי החוקים אסור היה להפקיד את כספו של הציבור בידי איש, שנכשל פעם בפשיטת רגל.

6 **ויהי כאשר קצרה נפשם בעמל האיש ההוא.** ופני־העיר לא יכלו עוד לשאת את צערו של הגביר שנתרושש, מאחר שראו כיצד הוא מוסיף לרדת מנכסיו והעוני מביאו מדחי לדחי.

7 **ויוועצו יחדיו.** וכך החליטו: ייכתב מכתב, שעליו יחתמו כל פני־העיר וגדוליה, לרבות רב העיר, שבו ייאמר, שר׳ צדוק הוא אדם מכובד, תם וישר וירא אלוהים באמת. על כן מן הראוי לתמוך בו ולעזור לו בכל עיר ועיר. את המכתב צריך לתת בידי ר׳ צדוק, ועליו לצאת עם כתב ההמלצה באמתחתו אל העולם הגדול. באשר ידוע ידעו, שמכתב החתום בידי פני־העיר וחשוביה, ואף בידי הרב, יהיה מקובל מאוד ונכבד בעולם, והוא בוודאי יצליח לאסוף כסף רב.

8 **ויעשו כאשר יעצו.** הם כתבו את המכתב, חתמו עליו והחתימו את כל נכבדי העיר. ולא חסרה אלא חתימתו של הרב ותו לא.

9 **בימים ההם** ובזמן הזה כיהן בניקלסבורג הרב הגדול ר׳ שְׁמֶלְקֶה. והאיש היה למדן גדול, ולא היה איש בדורו שישווה לו. וכגודל למדנותו גודל חסידותו וחוכמתו בענייני העולם הזה. עצתו ודברו יקרים היו ביותר הן בעיני היהודים והן בעיני הנוצרים. בעולם החשיבוהו כאדם קדוש. בכל ימי חייו הוא לא צרף הסכמתו להוצאת ספר כלשהו וגם לא העניק כתב המלצה לאיש, שירד מנכסיו ונסע הלוך וסבוב בעולם לקבץ נדבות, כפי שלפנים נהוג היה באופנה אצלנו היהודים.

10 **ולכן לא אבה לחתום.** גם הפעם לא רָצה ר׳ שמלקה לחתום על המכתב. והדבר חרה ביותר לפני־העיר והם פנו אליו ואמרו: ׳רבי, אינך יכול להשוות איש זה אל יתר הקבצנים המשוטטים. הרי אתה מכיר אותו כאיש תם וישר וירא־אלוהים. עירנו זכתה לקבל מידו טובות־הנאה לרוב. ומאחר שאנו יודעים באיזו מידה חתימתך דווקא תסייע בידו בעולם, הרי הפעם עליך להעביר על מידתך ולחתום על המכתב הזה׳.

11 **ולא אבה הרב.** והרב בכל זאת סרב לחתום עד אשר ר׳ צדוק בעצמו בא והופיע לפניו. הוא ואישתו בכו לעיניו בכי מר והתחננו לפניו וביקשו רחמים. שמא יואיל ויחוס עליהם ועל ילדיהם הקטנים ויתן את חתימתו על המכתב.

12 **ויהמו מעיו עליהם.** נכמרו רחמיו עליהם. לא יכול היה לעמוד בפני ר׳ צדוק ורעייתו העומדים לפניו ומתייפחים. הוא חתם על המכתב וגם הוסיף ואמר להם: ׳שמע נא, ר׳ צדוק יקירי, אין אני עושה לך טובה בחתימתי. אמנם אפילו נכון, שתוכל לאסוף ממון רב, אבל עדיין לא ראיתי בעיני, שמי שניסה פעם לקבץ את לחמו על יד גם הצליח להיחלץ מזה. קראתי פעם, שאם רוצים לגרש עכברים מן הבית, צריך לתפוס אחדים מהם, לסגור אותם ביחד בכלוב ברזל ולהרעיב אותם במידה כזאת, עד שיחלו לטרוף זה את זה. ואחר־כך - כאשר ישחררו את האחרון בחיים, הוא לא יזין את עצמו אלא בבשר עכברים. כך קורה גם לבן־אדם, המנסה רק פעם אחת לטעום מלחם שקיבץ על יד; הוא כבר לא יבקש פרנסה אחרת. שום עסק בעולם לא יהיה לפי טעמו - אלא רק הקבצנות. עצתי היא לחכות ולהחזיק מעמד ולעבור את שעת המצוקה. הן הכול חולף ומשתנה במרוצת הזמן׳. אבל מה יועילו דברי החכם? ר׳ צדוק נטל את המכתב ונפרד בשלום מן הרב. מקץ ימים אחדים הוא יצא לדרך.

קראָם מיט די סחורה פֿון דעם ר׳ צדוק. און אויך זײַן שטוב מיט גאָר די ווירטשאַפֿט, זילבערנע געפֿעס, און זייער פֿיל צירונג און אויך זייער פֿיל פּאַפּירן אויף הערשאַפֿטן. זײַן שאָדן וואַר גרויס, גאָר אומבאַשרײַבלעך.

4 **ויהי להם ימי החג לאבֿל.** דער יום־טובֿ וואַר בײַ זיי צום טרויער און צום געוויין. ער און זײַן פֿרוי האָבן גאָר ניט געוווּסט וווּהין מען זאָל זיך קערן און ווענדן. גוטע פֿרײַנד האָבן זיי אַפֿילו אַ ביסל אונטערגעהאָלפֿן, אָבער עס איז שוין זיי ניט מעגלעך געווען דעם געשעפֿט ווידער הערצושטעלן אַזוי ווי פֿריִער.

5 **לא ארכו הימים.** עס געוווּרט ניט לאַנג און זיי האָבן נעבעך דעם פּלאַץ געמוזט פֿאַרקויפֿן אום צו מאַכן אַ קליין קרעמל פֿון גלאַגעוואַר סחורה. (ויחיו חיי צער) - און האָבן געלעבט זייער אָרעם. די גרעסטע לײַט פֿון שטאָט האָבן מיט דעם ר׳ צדוק זייער רחמנות געהאַט. אָבער דאָך האָבן זיי ניט געוווּסט מיט וואָס מען זאָל אים קענען העלפֿן. זיי וואָלטן אים מאַכן פֿאַר אַ נאמן אין דער שטאָט. אָבער דער פּרעזידענט פֿון די שטאָט האָט עס ניט צוגעלאָזן, ווײַל דער ר׳ צדוק איז געווען אַ גרויסער בעל־חובֿ, און די געזעצע איז, אַז מען זאָל ניט אָנטרויען קהלס געלט אַזוי אַ מענטשן, ווער עס האָט שוין אַ מאָל באַנקראָטירט.

6 **ויהי כאשר קצרה נפשם בעמל האיש ההוא.** און עס וואַר, אַז די גרויסע לײַט פֿון שטאָט האָבן ניט געקענט מער דערטראָגן דעם צער פֿון דיזעם געפֿאַלענעם עושר, דען וואָס אַ טאָג איז ער געוואָרן אָרעמער און אָרעמער.

7 **וַיִּוָעֲצוּ יחדיו.** איז בײַ זיי געבליבן, אַז מען זאָל מאַכן אַ כּתבֿ און אַלע גרויסע לײַט און דער רבֿ זאָלן זיך אונטערחתמענען, אַז דער ר׳ צדוק איז אַן אָדם חשובֿ און אַ ירא־אלוהים באמת. בכן זאָל מען זען אים אונטערצוהעלפֿן בכל עיר ועיר. דעם כּתבֿ זאָל מען געבן דעם ר׳ צדוק און ער זאָל מיט אים אַרומפֿאָרן אין דער וועלט. דען זיי האָבן קלאָר געוווּסט, אַז אַזוי אַ כּתבֿ, וואָס עס וועלן זײַן אויף אים געחתמעט די גרויסע לײַט פֿון ניקעלסבורג און דער רבֿ, וועט אין דער וועלט זייער וויכטיק זײַן און ער וועט בוודאי מאַכן אַ סך געלט.

8 **ויעשו כאשר יעצו.** און זיי האָבן אַזוי געטאָן ווי זיי האָבן זיך מייעץ געווען. זיי האָבן אָפּגעשריבן דעם כּתבֿ און האָבן זיך אונטערגעשריבן. עס האָט מער ניט געפֿעלט נאָר דעם רבֿס חתימה און ווײַטער ניט.

9 **בימים ההם.** אין דיזע צײַטן איז געווען אַ רבֿ אין ניקעלסבורג דער גרויסער ר׳ שמעלקע. דיזער מאַן וואַר אַ גרויסער למדן, וואָס האָט ניט געהאַט זײַן גלײַכן אין זײַן דור. און ווי זײַנע לומדות איז געווען גרויס, אַזוי איז געווען גרויס אויך זײַנע חסידות און זײַן חכמה אין וועלטזאַכן. און זײַן עצה און זײַן וואָרט איז געווען זייער טײַער און וויכטיק, אַזוי בײַ ייִדן און אַזוי בײַ קריסטן. און ער וואַר געאַכטעט אין דער וועלט ווי אַ געטלעכער מאַן. צײַט זײַן לעבן האָט ער ניט געגעבן קיין הסכּמה אויף אַ ספֿר און קיין מאָל האָט ער ניט געגעבן אַ כּתבֿ אַ געפֿאַלענעם מענטשן, וואָס פֿאָרט אַרום אין דער וועלט צו קלײַבן נדבֿות, ווי פֿאַר צײַטן פֿלעגט זײַן די מאָדע בײַ אונדז ייִדן.

10 **ולכן לא אבה לחתום.** און דאַהער האָט דער ר׳ שמעלקע ניט געוואָלט זיך חתמענען אויך אויף דיזן כּתבֿ. האָט עס די שטאָטלײַט זייער פֿאַרדראָסן אויף אים און האָבן אים געזאָגט: ׳רבי, איר קענט דיזן מענטשן ניט גלײַכן מיט אַנדערע שלעפּערס. איר קענט דאָך אים, אַז ער איז אַן איש־ישר וירא־אלהים. אונדזער שטאָט האָט פֿון אים זייער פֿיל מקבל טובֿה געווען. און ווײַל מיר ווייסן ווי פֿיל אײַער חתימה וועט אים אין דער וועלט העלפֿן, זענט איר מחויבֿ מעבֿיר צו זײַן אויף אײַער מידה און מוזט זיך אונטערחתמענען אויף דעם כּתבֿ׳.

11 **ולא אבה הרב.** און דער רבֿ האָט דאָך ניט געוואָלט זיך חתמענען ביז וואַנען עס איז צו אים געקומען דער ר׳ צדוק אַליין און זײַן ווײַב און האָבן פֿאַר אים ביטערלעך געוויינט, און האָבן אים געבעטן רחמים, אַז ער זאָל זיך איבער זיי מרחם זײַן און אויף זייערע קליינע קינדער און זאָל אונטערשרײַבן דעם כּתבֿ.

12 **ויהמו מעיו עליהם.** און ער האָט זיך איבער זיי דערבאַרעמט. ער האָט ניט געקענט אויסהאַלטן, אַז דער ר׳ צדוק און זײַן ווײַב זאָלן פֿאַר אים שטיין און וויינען. ער האָט דעם כּתבֿ אונטערגעשריבן און האָט זיי אויך געזאָגט: ׳הערט, מײַן טײַערער ר׳ צדוק, איך טו אײַך דערמיט גאָר קיין טובֿה. עס איז אַפֿילו אמת, אַז איר וועט מאַכן אַ פֿולע געלט. אָבער נאָך האָב איך ניט געזען וועלכער עס האָט דעם בעטלברויט פֿאַרזוכט, אַז ער זאָל זיך דערפֿון קענען אָפּרײַסן. איך האָב געלעזן, אַז מען וויל מײַז פֿאַרטרײַבן פֿון אַ שטוב, זאָל מען כאַפּן עטלעכע מײַז און מען זאָל [זיי] אײַנשפּאַרן אין אַן אײַזערנע קלעטקע, און מען זאָל זיי אַזוי לאַנג [לאָזן] הונגערן, ביז איינע עסט אויף די אַנדערע. און דערנאָך, אַז מען לאָזט אַוועק די לעצטע, עסט זי קיין אַנדער זאַך, נאָר ווי מײַז. דאָס זעלבע איז מיט דעם מענטש, וועלכער נאָר איין מאָל דאָס בעטלברויט פֿאַרזוכט האָט - ער וועט שוין ניט זוכן קיין אַנדערע פּרנסה. עס וועט אים ניט שמעקן קיין געשעפֿט אין דער וועלט, נאָר בעטלען. מײַן עצה וואָלט געווען בעסער די שלעכטע צײַט איבערצוּוואַרטן. מיט דער צײַט ענדערט זיך אַלץ׳. אָבער וואָס העלפֿט עס? דער ר׳ צדוק האָט דעם כּתבֿ צוגענומען און האָט זיך אָפּגעזעגנט מיט דעם רבֿ, און איז אין אַ פּאָר טעג [אַרום] אַוועקגעפֿאָרן.

